THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
NOV 12 1925

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XII No. 4620 — MONDAY NOVEMBER 9, 1925 — יום ב. כ"ב חשון פרשה חיי שרה, תרפ"ו. — טאראנטא, מאנטאג דער 9-טער נאוועמבער, 1925. — PRICE THREE CENTS

# פאליציי סעק. האט געפעלשט שטייגער'ס פראטאקאלען

סעקרעטאר האט פארניכטעט אלע פראטאקאלען וועלכע זענען געווען גינסטיג פאר שטייגער'ן. — האט געפעלשט ווערטער און געשריבען קאמו ניסט דארט וואו עס האט געדארפט געשריבען ווערען קהלה.

## דר. בעאו רייכ'ס דיענסט מיידעל ארעסטירט פאר פאלש שווערען

לעמבערג, נאוועמבער, 8, (איטא).

די פארטיידיגונג אינ'ם שטייגער פראצעס האט נעכטען געהאט זעהר א וויכטיגען טאג ווען סאוויצקי, דער שעף פון דער מיליטערישער פאליציי האט עדות געזאגט. ער האט צוגענאגעלט צום שאנד קלאץ דעם שעף פון דער לעמבערגער פאליציי, און האט אפען ערקלעהרט, אז דער פאליציי סעקרעטאר האט געפעלשט שטייגער'ס פראטאקאלען און האט אנשטאט שרייבען „קהלה" געשריבען קאמוניסט.

אנגעהויבען האט סאוויצקי דערמיט וואס ער האט דערצעהלט, אז פאסטערנאק, די גע'שמד'טע אידישע מיידעל האט ביים ערשטען פארהער ערקלעהרט, אז זי קען ניט דערקענען דעם מענשען וועלכער האט די באמבע געווארפען. ערשט נאכדעם, ווי לאקאמסקי האט זי פארגעשטעלט פאר'ן פאליציי שעף אלס די פוילישע נאציאנאלע העלדין, האט זי אנגעהויבען אנדערש ריידען.

סוואלקין אליין האט סאוויצקי געזאגט, האט ביים פארהער שטארק געצווייפעלט, אויב שטייגער איז געווען פארמישט אין דעם.

ווען דער פראקוראר האט געפרעגט סאוויצקין פארוואס ער האט געענדערט זיין עדות זאגען פון דעם, וואס ער האט געזאגט פריהער; האט סאוויצקי ערקלעהרט, אז ער וויל האבען אז דאס געריכט זאל זיין אונטער פארמאכטע טירען דאן וועט ער עס דערצעהלען.

די אדוואקאטען פאר דער פארטיידיגונג האבען געשטיצט זיין פארלאנג, אבער דער פראקוראר איז געווען שטארק געגען.

### ווי די פראטאקאלען זענען געפעלשט געווארען

סאוויצקי האט ווייטער ערקלעהרט, אז די פראטאקאלען פון דער שטייגער אונטערזוכונג זענען געפעלשט געווארען פונ'ם פאליציי סעקרעטאר פעטראווסקי. וועלכער האט אבזיכטליך געשריבען דעם פראטאקאל אזוי, אז עס זאל אויסקומען אז שטייגער איז א קאמוניסט. אלע פלעצער וואו דאס ווארט „קהלה" האט געדארפט שטעהן האט פעטראווסקי אריינגעשטעלט דאס ווארט קאמוניסט. פעטראווסקי האט אויך פארניכטעט פיעלע פראטאקאלען וועלכע זענען געווען לטובת שטייגער'ן.

### וויל ניט קאמפראמענטירען די פאליציי

ווען דער פארזיצענדער ריכטער האט געפרעגט סאוויצקי'ן פארוואס ער האט דורכאויס געוואלט א געריכט זיצונג אונטער פארמאכטע טירען, האט ער געענטפערט, אז ער האט אפען ניט געוואלט קאמפראמענטירען די פאליציי.

אדוואקאט לאנדאו האט אויך איבערצייגט דאס געריכט, אז לוקאמסקי'ס עדות זאגען איז געווען אונטער'ן אנטיסעמיטישען איינפלוס פון דער „גאזעטא נארזשינא", באוויזען האט ער עס מיט אויסצוגען פון דער צייטונג.

מאריא קאלאנסעק, דר. רייך'ס דיענסט - מיידעל איז ארעסטירט געווארען פאר פאלש שווערען.

### וועלען מאכען אן אינטערפעלאציע

די אידישע דעפוטאטען אין „סעים" וועלען מאכען אן אינטערפעלאציע אין „סעים" וועגען דעם וואס פעטראווסקי האט געפעלשט שטייגער'ס פראטאקאלען.

מאראם פידערער, די בעל הבית'טע פונ'ם הויז וואו שטייגער האט געוואוינט האט עדות געזאגט, אז די באמבע וועלכע מען האט אין הויז געפונען באלאנגט צו איהר ברודער וועלכער איז אן אפיצער אין דער פוילישער ארמיי.

# זיעג פאר דער אמאלגאמייטעד

ניו-יארק, נאוועמבער, 8, (איטא).

די אמאלגאמייטעד יוניאן האט דא געהאט א גרויסען זיעג ווען דער סטרייק אין דער אינטערנעשאנאל טיילארינג קא. איז פון דער יוניאן געוואונען געווארען.

דער סטרייק האט אנגעהאלטען 19 וואכען צוליעב דעם וואס די פירמע האט ניט געוואלט האבען קיין יוניאן שאפ.

די יוניאן האט געוואונען אלע פאדערונגען.

# ערלויבט צו באנוצען אידיש און העברעאיש ביי עפענטליכע פארזאמלונג

ווארשא, נאוועמבער, 8, (איטא).

דער פוילישער אינערן מיניסטער האט היינט ארויסגעגעבען א רעגירונגס דעקרעט לויט וועלכען עס איז ערלויבט זיך צו באנוצען מיט דער אידישער און העברעאישער שפראך ביי עפענטליכע פארזאמלונגען.

# פראנקרייך פלאנט צו געבען סיריען פולע אויטאנאמיע

פראנצויזישער אויסערן מיניסטער וועט פארלייגען פאר'ן פראנצויזישען פארלאמענט צו געבען סיריען פולע אויטאנאמיע אזוי שנעל ווי ארדנונג וועט איינגעשטעלט ווערען. — ענגלאנד וועט מעגליך איבערנעהמען דעם מאנדאט.

## קאמיוניקאציע צווישען חיפה און דמשק איז צוריק איינגעשטעלט

פאריז, נאוועמבער, 8.

די „האוס נייעס אגענטור" ברייננט א מעלדונג פון האלב אפיציעלע רעגירונגס קוועלען, אז דער פראנצויזישער אויסערן מיניסטער אריסטיד בריאן וועט אינ'ם פראנצויזישען פארלאמענט פארשלאגען אז סיריען זאל באקומען פולע אויטאנאמיע אזוי שנעל ווי ארדנונג קען דארטען איינגעשטעלט ווערען.

צו דעם דאזיגען באשלוס איז געקומען דער פראנצויזישער אויסערן מיניסטער נאכדעם ווי די באריכטען וועלכע ווערען ערהאלטען פון סיריען וויזען אז דער אויפשטאנד אין סיריען וועט אזוי שנעל ניט אונטערדריקט ווערען. מעג אפילו די פראנצויזישע רעגירונג שיקען אהין א פיעל גרעסערע ארמיי, און זאל עס געלינגען יעצט אויף דער וויל דעם אויפשטאנד אונטערצודריקען, וועט ער שפעטער אויפגעהויבען ווערען מיט א פיעל גרעסערער קראפט.

### ענגלאנד וועט איבערנעהמען מאנדאט

די „איטא" ברייננט די פאלגענדע נייעס פון לאנדאן.

די לאגע אין סיריען וועט מעגליך צווינגען פראנקרייך אויפצוגעבען איהר מאנדאט אויף סיריען, און דאן איז זעהר מעגליך, אז ענגלאנד וועט איבערנעהמען דעם מאנדאט, דאס הייסט מאכען איין מאנדאט פון פאלעסטינא מיט סיריען, מיט אזא אונאבהענגיגקייט און זעלבסט-רעגירונג ווי אין איראק.

א פאראייניגטע סיריען וואלט זיך ניט געהאט וואס צו שרעקען פאר דער אידישער מינאריטעט, און סיריען וואלט נאך פיעלייכט איינגעזעהען אז די אידישע קאאפעראציע אין אויפבויען און אנטוויקלען פאלעסטינא איז גוט אויך פאר איהר.

### קאמיוניקאציע צוריקגעשטעלט

די קאמיוניקאציע צווישען חיפה און דמשק, וועלכע איז פון די רעבלען פארניכטעט געווארען איז צוריק איינגעשטעלט געווארען מעלדעט א באריכט פון ירושלים.

די רעבלען אטאקירען די פראנצויזען מעהר פון צפון, און פיעלע פאזיציעס וועלכע איז פון די פראנצויזען איבערגעלאזען געווארען דערפאר וואס זיי האבען עס לייכטער ניט געקענט האלטען, זענען פון די רעבלען פארנומען געווארען.

די פראנצויזישע ארטילעריע און עראפלאנען האבען ווידער באמבארדירט איינינע דערפער פון די דרוזען, אבער עס איז ניט באקאנט וועלכער שאדען דארטען איז פאראורזאכט געווארען.

די רעבלען באקומען אלץ נייע מחנות אראבער און בעדואינער וועלכע שטעהען צו צו זיי, צו העלפען זיי אין קאמף געגען די פראנצויזען.

# מינאריטעטען בלאק האט ערוועהלט פרעזידענט

ריגא, נאוועמבער, 8, (איטא).

יאן טשאקסטע איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון לאטוויא. ערוועהלט האט איהם דער מינאריטעטען בלאק.

די וואהלען פאר'ן פרעזידענט זענען פארגעקומען פרייטאג ביי טאג אנשטאט אין אווענט אום די אידישע דעפוטאטען זאלען האבען א מעגליכקייט צו שטימען.

# ווידער א רעגיערונגס טעאטער

מאסקווע, נאוועמבער, 8, (איטא).

קאמעניעוס דעפארטמענט האט היינט געלאזען וויסען, אז די הבימה ווערט ווידער פארעכענט אלס אן אקאדעמישער טעאטער פון דער רעגירונג.

מיט 10 חדשים צוריק האט די הבימה פארלוירען דעם דאזיגען נאמען פון רופען זיך רעגירונגס טעאטער אויפ'ן פארלאנג פון דער צענטראלער אידישער ביורא.

הבימה איז איינע פון זעקס טעאטערע אין רוסלאנד וועלכע טראגען די טיטולען רעגירונגס טעאטער.

# פאלט פון ברוקלין בריק

ניו-יארק, נאוועמבער, 8, (איטא).

דוד הערץ און חנה מאגרעווסקי זענען דא היינט געטויט געווארען ווען די קאר אין וועלכער זיי זענען געפאהרען איז ארונטערגעפאלען פון די טרעפ פון ברוקלין בריק.

# אונגארישע דעפוטאטען ווילען פאדערען נומערוס קלאזוס זאל אפגעשאפען ווערען אין לאנד

אונגארישע דעפוטאטען דערצעהלען אז מען האט זיי אין אמעריקא אויפגע'ארפען פארוואס זיי אונטערדריקען אידען, און די פרעסע האט זיי שלעכט באהאנדעלט דערפאר.

בודאפעסט, נאוועמבער, 8, (איטא).

די אונגארישע דעלעגאטען, וועלכע זענען געווען צו דער אינטערפארלאמענטארער קאנפערענץ אין וואשינגטאן און אטאווא, האבען זיך היינט צוריקגעקעהרט אהיים.

ביי זייער אנקומען האבען זיי געגעבען אינטערוויוס צו צייטונגס - לייט. זיי אלע האבען אויסגעדריקט איין מיינונג, אז כל זמן אין אונגארן וועט עקזיסטירען דער נומערוס קלאזוס, קען זיך קיין אונגארישער דיפלאמאט ניט ווייזען אין אויסלאנד, און קען ניט קומען צו קיין אויסלענדישער קאנפערענץ.

די אונגארישע פארלאמענטאריער האבען ערקלעהרט, אז די אמעריקאנער פרעסע האט זיי באהאנדעלט ערגער איידער וועלכע עס איז אנדערע דעלעגאטען, און אלץ צוליעב'ן נומערוס קלאזוס.

### מען האט אויף זיי געטייטעלט מיט די פינגער

ביים קאנפערענץ אין וואשינגטאן האט איין דעפוטאט ערקלעהרט, האבען אלע אויף אונז געטייטעלט מיט די פינגער, זאגענדיג, אט זענען די אונגארישע דעלעגאטען וועלכע באהאנדלען אזוי שלעכט די אידען און די אנדערע נאציאנאלע מינאריטעטען ביי זיי אין לאנד.

עס איז איינפאך געווען א שאנדע זיך צו באווייזען ביי דער קאנפערענץ האט אן אנדערער צוגעגעבען.

# זאמלונג פאר'ן פאלעסטינא ארבייטער פאנד גרויסער ערפאלג

זאמלונג ווערט היינט פארגעזעצט

די זאמלונג פאר'ן פאלעסטינא ארבייטער פאנד וועלכע די היגע פועלי ציון פיהרען דורך איז געווען א גרויסער ערפאלג.

צעהנדליגע פאראלאך האבען נעכטען א גאנצען טאג באלאגערט דעם אידישען קווארטאל, און דער עולם האט געגעבען. דער רעזולטאט אין אווענט ווען די געזאמעלטע געלדער זענען אריינגעקומען, איז געווען 500 דאלאר.

די זאמלונג איז אבער נאך ניט געענדיגט. פיעלע געגענדען זענען נאך ניט באזוכט געווארען און וואלונטירען וועלען נאך היינט א גאנצען טאג געהן אין די געגענדען, וועלכע מען האט ניט באזוכט.

די וואלונטירען וועלכע געהען היינט ארוים וועלען באקומען זייערע דיסטריקטען אין פארבאנד-הויז 10 א זייגער פריה. די אלע וועלכע האבען זיך אונטערגענומען צו טאן די ארבייט מוזען זיין אין צייט.

# פראפעסאר זאגט אז משה רבינו'ס בריעף אין א ריכטיגער

בערלין, נאוועמבער, 8, (איטא).

פראפעסאר גרים, וועלכער איז מיט עטליכע וואכען צוריק ארוים מיט דער ערקלעהרונג, אז די טאפעל וועלכע די ענגלישער געלעהרטער האט מיט 20 יאהר צוריק געפונען אויפ'ן בארג סיני, איז א בריעף פון משה רבינו צו פרעה'ס טאכטער און וועלכען ער דאנקט איהר דערפאר וואס זי האט אים קלוגערהייט געראטעוועט פון דערטרונקען ווערען, איז היינט ארוים מיט אן ענטפער צו זיינע קריטיקער.

ווי באקאנט האט זיך אויפגעהויבען א גרויסע קריטיק נאכדעם ווי ער האט געמאכט די אויבענדערמאהנטע ערקלעהרונג און פיעלע ארכיאלאגען האבען געוואלט באווייזען אז די שפראך אויפ'ן טאפעל איז ניט די העברייאישע שפראך.

פראפעסאר גרים ענטפערט יעצט זיינע קריטיקער, אז דער „אלף בית" פון דער שפראך אין וועלכער אויפ'ן טאפעל איז געשריבען געווארען איז ענליך צו העברייאיש. די שפראך פארמאגט 22 בוכשטאבען ווי העברייאיש, און פון דער שפראך האט זיך טאקע אנטוויקעלט די שפעטערדיגע העברייאישע שפראך.

# סאוויעטען רעגירונג מאכט קאנצעסיעס פאר אויסלענדישען האנדעל

מאסקווע, נאוועמבער, 8.

דער צענטראלער קאמיטעט פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי האט פארעפענטליכט א געוויסע פארלייכטערונג אין באצוג צום אויסלענדישען האנדעל, פאר אימפארט און עקספארט.

דער קאמיטעט ערקלעהרט נאך א מאהל, אז וואס עס איז שייך אויסלענדישען האנדעל באלאנגט עס צו דער רעגירונג אבער דער האנדעל אין אויסלאנד, וועלכער איז ביז יעצט געלעגען אין די הענט פון האנדעלס קאמיעס פון דער רעגירונג אין די לענדער וואו די סאוויעטען רעגירונג איז אנערקענט, קען פון יעצט און ווייטער אויך געטאן ווערען פון „געמישטע קאמפאניעס".

אונטער'ן ווארט „געמישטע קאמפאניעס" מיינט מען פריוואטע קארפארייشאנס, אדער א גרופע אינדיווידועלע מענשען צוזאמען מיט דער רעגירונג.

אין דעם דעקרעט וועלכער איז פארעפענטליכט געווארען ווערט געזאגט, אז אזעלכע „געמישטע קאמפאניעס" זענען שוין געשאפען געווארען פאר'ן עקספארט פון האלץ, אויל און קוילען. אנדערע אזעלכע קאמפאניעס וועלען געשאפען ווערען פאר אנדערע צווייגען פון האנדעל.

די רעגירונג האפט, אז דורך פריוואטען אינטערעס וועט דער האנדעל מיט אויסלאנד באדייטענד פארגרעסערט ווערען.

אין געשעפטס קרייזען אין רוסלאנד ווערט עס באטראכט אלס גרויסע הנחה.

# קוילען סטרייק וועט מעגליך באלד געענדיגט ווערען

ניו-יארק, נאוועמבער, 8.

עס איז זעהר מעגליך, אז דער קוילען סטרייק אין די פאראייניגטע שטאאטען, וועלכער האלט שוין אן באלד דריי אידער זיי זענען עס געווען ווען דער סטרייק האט זיך אנגעהויבען.

סטרייק אין זיך אויסגלייכען צווישען זיך אין גיכען וועלען ביידע צדדים זיין צופרידען צו פארהאנדלען צו ענדיגען דעם זוכט די באהויצונג סיטואציע אין ניו-דזשערזי אין די בראנקס, וועלכע אונטערווערען.

אין א בריעף פון גאווערנאר פינשאט פון פענסילווייניא צו דער גרענדישום וועט גאר אין גיכען געענדיגט

# זומער האטעל אפגעברענט

ליבערטי, אנט., נאוועמבער, 8.

דער ראיאל קרישאג האטעל, א זומער האטעל, ביי דער קרישאג טייך איז געווען פאלשטענדיג פארניכטעט געווארען פון פייער. דער שאדען באטרעפט ארום 40 טויזענט דאלאר.

דיא ורזאכע פונ'ם פייער איז נים באקאנט.

# קריעגס פלאטע פארברענט

וואשינגטאן, נאוועמבער, 8.

31 רעגירונגס שיפען פון דער אמעריקאנער פלאטע וועלכע איז געבויט געווארען אין דער צייט פון דער מלחמה, זענען פארברענט געווארען אויפ'ן פאטאמאק ריווער.

מען האט פריהער פון די שיפען ארונטערגענומען די גאנצע אויסשטאטונג און דערנאך האט מען עס פארניכטעט; ווייל מען האט די שיפען ניט געקענט נוצען.

# האט חתונה מיט א אידיש מיידעל

ניו-יארק, נאוועמבער, 8, (איטא).

מיט דער שיף „בראגא" איז היינט אנגעקומען פון ירושלים אן אמעריקאנער נעגער מיט א יונגער אידישער מיידעל, וועלכע איז זיין פרוי.

די אידישע מיידעל איז זעהר א געלערנטע און פיעלע שפראכען. זי רעדט פליסיג ענגליש און אויך העברעאיש. זיי האבען געחתונה'ט ביים אמעריקאנער קאנסול אין ירושלים.

# פאריער קאנווענשאן

באסטאן, נאוועמבער, 8, (איטא).

מארגען (היינט מאנטאג) עפענט זיך דא די קאנווענשאן פון דער פאריערס יוניאן.

# אבדול קרים מיט זיין גאנצער ארמיי ארומגערינגעלט פון די פראנצויזען

די גאנצע ארמיי פון די רעבלען איז ארומגערינגעלט. — יעצט האנדלען דיפלאמאטען ניט קיין מיליטערישע אויטאריטעטען

מארסייל, פראנקרייך, נאוו. 8.

אבדול קרים, דער פיהרער פון די רעבלען אין מאראקא, איז שוין פאלשטענדיג באזיגט. זיין ארמיי איז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, און עס איז שוין מעהר ניטא וואס צו באזארגען זיך וועגען דעם פראנט אין מאראקא.

אזוי האט היינט ערקלעהרט דער פראנצויזישער גענעראל פעטיין, וועלכער איז אהער אנגעקומען פון מאראקא.

דער גענעראל האט ווייטער ערקלעהרט, אז ער האט פארארדענט די מיליטערישע טעטיגקייט זאל אפגעשטעלט ווערען, און ער האט איבערגעגעבען די ווייטערדיגע האנדלונג מיט מאראקא צו די דיפלאמאטען, ווייל קיין מיליטערישע האנדלונג איז ווייטער ניט נויטיג.

# רוסישע פרעסע אין פאריז געגען אידישער קאלאניזאציע

פאריז, נאוועמבער, 8, (איטא).

די אנטי - סאוויעטען פרעסע אין פאריז, צוזאמען מיט דער „וואזראזשדעניא", האבען אנגעהויבען אן אגיטאציע געגען דער אידישער קאלאניזאציע אין סאוויעטען רוסלאנד, ערקלעהרענדיג, אז די אידען פארכאפען פרייע לאנד, און דערמיט דערלאזען זיי ניט אז די פויערים פון רוסלאנד זאלען עס באקומען.

איינינע צייטונגען ווייזען אן, אז אויסלענדישע אידישע ארגאניזאציעס העלפען די רוסישע אידען זיך צו באנוצען מיט די פריווילעגיעס, וועלכע די סאוויעטען גיעבען די אידען.

די „פאסלעדנישע נאוואסטי" און די „וואזראזשדעניע" ווארנען געגען דעם וואקסענדען אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד צוליעב דער קאלאניזאציע.

די צייטונגען ווייזען אויך אן, אז אפילו דער גאנצער קאלאניזאציאנס-פלאן וועט דורכגעפיהרט ווערען, וועט עס אויך ניט מעהר קאלאניזירען ווי א פערטעל פונ'ם באדען וועלכער קען אוועקגעגעבען ווערען פאר-קאלאניזאציע.

# וואס די „אמעריקאן דזשואיש קאמיטי" האט אויפגעטון

ניו-יארק, נאוועמבער, 8, (איטא).

די 18-טע יעהרליכע פארזאמלונג פון דער „אמעריקאן דזשואיש קאמיטי" האט זיך געעפענט היינט אין אסטאר האטעל. לואיס מארשאל האט באריכטעט וועגען דער טעטיגקייט פון דער קאמיטע אינ'ם לעצטען יאהר. קיין גרויסע אנטי-אידישע פראפאגאנדע איז אין לאנד ניט געווען האט ער ערקלעהרט.

מארשאל האט אין זיין באריכט ערקלעהרט וואס די קאמיטע האט געטאן פאר די פליכטלינגע אין איירעפא און אין אלגעמיין פאר אימיגראנטען.

ווען ריכטער לוריע פון באסטאן האט פארגעשלאגען אז די קאמיטע זאל אינדארסירען דעם פאלעסטינא קעמפיין צו שאפען 5 מיליאן דאלאר, האט מארשאל ערקלעהרט, אז די קאמיטע קען עס ניט טאן.

לואיס מארשאל איז ווידער ערוועהלט געווארען אלס דער פרעזידענט פון דער קאמיטע.

**עדלייה 4517**
**עדלייד 3967**
זענען איצט די טעלעפאן נומערען
— פון —
**אידישען זשורנאל**
אויב אונזער טעלעפאן נומער
עדלייד 3967
איז פארנומען, דאן רופט אונזער
נייעם טעלעפאן נומער
**עדלייד 4517**